**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שליסט זיך אן מיט אטוירני דזשענעראל דזשעימס און ביל ספּאנסארס צו אונטערשרייבן לאנד'ס-פירנדער געזעץ צו באגרעניצן אדיקטיווע סאָושעל מידיע אינהאלט און באשיצן קינדער אויף די אינטערנעט

***ביל S.7694A/A.8148A שטעלט אוועק דעם 'זיכער פאר קינדער געזעץ' צו אוועקשטעלן לאנד'ס-ערשטע באגרעניצונגען אויף אדיקטיווע סאָושעל מידיע אינהאלט פאר קינדער***

***ביל S.7695B/A.8149A ערמעגליכט דעם 'ניו יארקע קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ' צו פארבאטן וועבזייטלעך פון זאמלען פערזענליכע אינפארמאציע פון קינדער אן צושטימונג***

***ניו יארק שטעלט אוועק די לאנד'ס שטרענגסטע שוץ מאסנאמען צו היטן אויף קינדער אויף סאָושעל מידיע***

***בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לאנד'ס-פירנדע געזעצן צו באקעמפן אדיקטיווע סאָושעל מידיע אינהאלט און צו באשיצן קינדער אויף די אינטערנעט. ביל S.7694A/A.8148A שטעלט אוועק דעם 'אפשטעלן אדיקטיווע אינהאלט אויסנוצונג/זיכער פאר קינדער געזעץ' ( Stop Addictive Feeds Exploitation, SAFE) וואס וועט פאדערן פון סאָושעל מידיע פירמעס צו באגרעניצן אדיקטיווע אינהאלט אויף זייערע פלאטפארמעס פאר באניצער אונטער 18. ביל S.7695B/A.8149A ערמעגליכט דעם 'ניו יארקע קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ' (New York Child Data Protection Act) צו פארבאטן אינטערנעט וועבזייטלעך פון זאמלען, נוצן, מיטטיילן אדער פארקויפן פערזענליכע אינפארמאציע פון סיי וועם אונטער 18 יאר אלט, חוץ אויב זיי באקומען דערפאר אינפארמירטע צושטימונג אדער חוץ אויב דאס טוהן איז גאר נויטיג פאר די צוועק פון די וועבזייטל.

"יונגע מענטשן אריבער דאס לאנד שטייען אויס א גייסטישע געזונטהייט קריזיס געטריבן דורך אדיקטיווע סאָושעל מידיע אינהאלט – און ניו יארק שטייט אין שפיץ פון די וועג מיט א נייע מאדעל צו אדרעסירן דעם קריזיס און באשיצן אונזערע קינדער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן באגרעניצן אדיקטיווע אינהאלט און היטן אויף קינדער'ס פערזענליכע אינפארמאציע, וועלן מיר אהערשטעלן א זיכערערע דיגיטאלע סביבה, גיבן פאר עלטערן מער רואיגקייט און שאפן א לעכטיגערע צוקונפט פאר יונגע מענטשן אריבער ניו יארק."

די גאווערנער איז באגלייט געווארן ביי די היינטיגע ביל אונטערשריפטן דורך אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס און די ספּאנסארס פון די ביל, סטעיט סענאטאר ענדרו גונאַרדעס און סטעיט

אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָזיק, אפצייכענענדיג די שלוס פון א געמיינזאמע אונטערנעמונג צו אריבערפירן און אונטערשרייבן די לאנד'ס-פירנדע געזעצן.

מיט די ניי-אונטערגעשריבענע געזעצן, האט ניו יארק אוועקגעשטעלט די לאנד'ס שטרענגסטע שוץ מאסנאמען צו היטן אויף קינדער אויף סאָושעל מידיע. די שריט בויט אויך ארויף אויף גאווערנער האקול'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג.

**ניו יארק סטעיט אטורני דזשענעראל לאטישע דזשעימס האט געזאגט,** "אדיקטיווע אינהאלט מאכן אונזערע קינדער צוגעבינדן צו סאָושעל מידיע און שעדיגן זייער גייסטישע געזונטהייט, און פאמיליעס פארלאזן זיך אויף אונז צו העלפן אדרעסירן דעם קריזיס. די געזעצן וואס זענען היינט אונטערגעשריבן געווארן דורך גאווערנער האקול וועלן מאכן ניו יארק פאר די לאנד'ס פירערין ביים אדרעסירן דעם גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג און פאר א מוסטער פאר אנדערע סטעיטס צו נאכמאכן. איך אפלאדיר די ספאנסארס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָזיק, פארן ארבעטן מיט מיין אפיס צו פארשלאגן און פאראויס שטופן די געזעצן, און איך באדאנק די לעגיסלאטיווע פירער פאר זייער שטיצע פאר די היסטארישע בילס. אזוי ווי מיר רוקן זיך פאראויס מיט דעם פראצעדור פון שרייבן די רעגולאציעס, וועט מיין אפיס ארבעטן מידלאזערהייט צו פארטיידיגן די נייע געזעצן און באשיצן ניו יארקע קינדער."

**סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוארט-קאָזינס האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר ארבעטן זיך צו באגיין מיט די דראאונגען וואס סאָושעל מידיע שטעלט פאר אונזער יוגנט אין די היינטיגע טעכנאלאגישע ספערע וואס האלט זיך אין איין אנטוויקלען, בין איך שטאלץ אז, אונטער מיין פירערשאפט, האט די סענאט מאיאריטעט אויפגעשטעלט די סענאט'ס אינטערנעט און טעכנאלאגיע קאמיטע ( Internet and Technology Committee) זיך צו קאנצענטרירן אויף די אנגעלעגנהייטן. איך באדאנק גאווערנער האקול, אטורני גענעראל דשעימס און ביל שטיצערס סענעטער גאונערדס פאר זייער איבערמידליכע ארבעט אויף די לעגיסלאציע און מיטארבעטונג מיט סטעיקהאלדערס און קאלעגעס אנצוקומען צו א מסקנה וואס וועט די מערסטע שטיצן אונזער יוגנט אנצוקומען צו געזונטערע סאשעל מידיע באנוץ. צוזאמען וועלן מיר ווייטער נעמען אלע נויטיגע שריט אפצוהיטן די מענטל געזונטהייט פון אונזערע קינדער."

**אסעמבלי ספיקער קארל היסטי האט געזאגט,** "אזוויוי טעכנאלאגיע טוישט זיך, אזוי מוזן זיך אויך בייטן די וועג וויאזוי מיר היטן אפּ אונזערע קינדער פון שאדנס - סיי אנליין און סיי נישט אנליין. די בילס וועלן געבן עלטערן די געצייג צו העלפן אהיטן קינדער פון בלוטדורשטיגע פראקטעצירונגען וואס לאזן אן השפעה אויף זייער מענטל געזונטהייט דורך עלימינירן די אדיקטיווע פערזענליכע פיסד און וועט מאכן אנליין פריוואטקייט די געוועגליכע פאר ניו יארק'ס קינדער, אפהאלטנדיג קאמפעניס פון צאמנעמען און נוצן זייער דאטא. א דאנק צו אונזער אסעמבלי שטיצער נילי ראזיק און צו גאווערנער קעטי האקול, אטארני גענעראל לעטיטיע דשעימס און אונזערע מיטארבעטער אין די סענעט פאר אלע ארבעט וואס זיי האבן ארייַנגעלייגט אין מאכן אנליין פלעצער מער פארזיכערט פאר קינדער."

די געזעצן וואס זענען היינט אונטערגעשריבן געווארן אדרעסירן קריטישע שוועריגקייטן וואס יונגע מענטשן שטייען אויס. לויט א ווארענונג וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך דעם פאראייניגטע שטאטן סוירדזשען דזשענעראל, ווייזט לעצטיגע פארשונג אז צענערלינגען וואס פארברענגען מער פון דריי שעה א טאג אויף סאָושעל מידיע האבן טאפלט די אויסזיכטן צו האבן שלעכטע גייסטישע געזונטהייט תוצאות, אריינרעכענענדיג סימפטאמען פון דעפרעסיע און ענקזייעטי. אין צוגאב, האט א לעצטיגע באריכט פון Pew Research Center געפונען אז זעקס פון יעדע 10 צענערלינגען זאגן אז זיי פילן אז זיי האבן ווייניג אדער בכלל נישט קיין קאנטראל איבער די פערזענליכע אינפארמאציע וואס סאָושעל מידיע פירמעס זאמלען איבער זיי.

**דער 'זיכער פאר קינדער געזעץ'**
אדיקטיווע אינהאלט אדער אינהאלט וואס ווערט אויסגעוועהלט דורך אן 'אלגאריטעם' פירן צו נישט געזונטע שטאפלען פון באנוץ מיט סאָושעל מידיע. דער געזעץ וועט פאדערן פון סאָושעל מידיע פירמעס צו באגרעניצן אדיקטיווע אינהאלט אויף זייערע פלאטפארמעס פאר באניצער אונטער 18. סיידן עלטערן'ס צושטימונג ווערט געגעבן, ווען באנוצער אונטער 18 יאר אלט נישט באקומען קיין אדיקטיווע פידס. מערקווירדיגערהייט איז דער 'זיכער פאר קינדער געזעץ' די ערשטע ביל פון די סארט צו אריינגעשריבן ווערן אין געזעץ אין סיי וועלכע סטעיט אריבער דאס לאנד.

אונטער דעם געזעץ קענען קינדער נאכאלץ נוצן סאָושעל מידיע. צום ביישפיל, זיי קענען פארזעצן צו זוכן פאר ספעציפישע נושאים וואס אינטערעסירן זיי אדער זיך צו סאָבסקרייבען צו געוויסע טשענעלס/אקאונטס, אבער זיי וועלן נישט באקומען אינהאלט וואס ווערט אויסגעוועהלט דורך אן אלגאריטעם וואס שטופט פאר נישט געזונטע שטאפלען פון אריינציהאונג. דער געזעץ וועט אויך פארבאטן סאָושעל מידיע פלאטפארמעס פון שיקן נאָטיפיקעישענס איבער אדיקטיווע אינהאלט פאר קינדער אונטער אכצן פון 12:00 ביינאכט ביז 6:00 אינדערפרי אן די צושטימונג פון די עלטערן. דער געזעץ וועט אויטאריזירן די אפיס פון די אטוירני דזשענעראל ( Office of the Attorney General, OAG) צו אינפארסירן דעם געזעץ און פארזיכערן אז עס ווערט אויסגעפאלגט, אריינרעכענענדיג דורכן פארלאנגען ציווילע קנסות פון ביז אזויפיל ווי $5,000 פאר יעדע פארלעצונג, צווישן אנדערע מיטלען. און צום לעצט, רופט דער געזעץ אז עס זאלן אוועקגעשטעלט ווערן אקצעפטירבארע מעטאדן צו פעסטשטעלן די עלטער פון באניצער און צו ערהאלטן צושטימונג פון די עלטערן – ווי עס וועט באשטימט ווערן דורך די OAG אלס טייל פון דעם פראצעדור פון שרייבן די רעגולאציעס.

**דער ניו יארקע קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ**
דער געזעץ וועט פארבאטן אינטערנעט וועבזייטלעך און פארבינדענע כלים פון זאמלען, נוצן, מיטטיילן אדער פארקויפן פערזענליכע אינפארמאציע פון סיי וועם אונטער 18 יאר אלט, חוץ אויב זיי באקומען דערפאר אינפארמירטע צושטימונג אדער חוץ אויב דאס טוהן איז גאר נויטיג פאר די צוועק פון די וועבזייטל. עס אויטאריזירט אויך די OAG צו אינפארסירן דעם געזעץ, אריינרעכענענדיג דורכן פארלאנגען ציווילע קנסות פון ביז אזויפיל ווי $5,000 פאר יעדע פארלעצונג.

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) קאמיסיאנער דאקטאר ען סאוויליען האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט טוט נאכאמאל שטיין אין שפיץ פון די וועג ביים אננעמען געזעצן צו באשיצן אונזער יוגנט פון די נעגאטיווע ווירקונגען פון סאָושעל מידיע און די שעדליכע אלגאריטעמס וואס זיי נוצן אויף זייערע פלאטפארמעס. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, טועהן מיר אויך ארויסבויען שטאנדהאפטיגע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס און שטיצע פאר יונגע מענטשן, כדי זיי זאלן האבן די הילפס-מיטלען צו אדרעסירן די אויפפירונג געזונטהייט שוועריגקייטן מיט וועלכע זיי טרעפן זיך אן. איך לויב אויס איר איבערגעגעבנקייט צו גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג און צו בויען א שטארקע סיסטעם פון קעיר אין אונזער סטעיט וואס וועט ערפילן די באדערפענישן פון אלע ניו יארקער."

**אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז ( Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קעלי אָוועןס, האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז דאס אוועקשטעלן אונזערע קינדער און צענערלינגען אין א פאזיציע צו מצליח זיין קען העלפן פלעגן געזונטע מוחות און געזונטע קשרים אין די צוקונפט, סיי אויף די אינטערנעט און סיי אין מציאות. א דאנק, גאווערנער האקול, פאר אייער איבערגעגעבנקייט צו באשיצן אונזער יוגנט פון שעדליכע און אדיקטיווע סאָושעל מידיע טאקטיקן. ניו יארק שטייט אין שפיץ וועג, זייענדיג א מוסטער פאר אנדערע סטעיטס צו נאכמאכן. א דאנק די אינוועסטירונג פון די גאווערנער, איז די OPDV איבערגעגעבן צו ארויפבויען אויף די

יסודות מיט אונזער ארבעט אויף די בעפארשטייענדע טרענירונג און אויפמערקזאמקייט קאמפיין איבער ארויסגעצווינגענע סעקסועלע אקטן."

**סטעיט סענעטער אנדרו גאונדעריס האט געזאגט,** "ניו יארק שיקט א קלארן רמז פאר "ביג טעק": אייער געלט איז נישט וויכטיגער ווי אונזערע קינדער'ס פריוואטקייט און געזונטהייט. אלץ א טאטע פון צווי יונגע קינדער, איז די געווינס פערזענליך פאר מיר, און איך בין באזונדערס דאנקבאר פאר די יונגע מענטשן, עלטערן, מחנכים און ארגאניזאציעס פון אריבער די סטעיט וועלכע האבן זיך אויפגעשטעלט קעגן די מערסטע מאכטפולע פירמעס אין די וועלט און פארלאנגט א זיכערערע דיגיטאלע וועלט. דער היינטיגער טאג וואלט נישט מעגליך געווען אן גאווערנער קעטי האקול'ס פירערשאפט און פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו באשיצן קינדער פון די שאדנס פון סאָושעל מידיע, און איך באדאנק איר פארן ארייננשרייבן די צווי קריטישע בילס אין געזעץ. די דערגרייכונג איז נישט בלויז א געווינס פאר ניו יארק'ס קינדער — נאר אונזערע נייע געזעצן פלאסטערן אויס די וועג פאר די רעשט פון די לאנד צו נאכפאלגן אין אונזער פוסטריט. מיר זענען בייגעקומען "ביג טעק", און איר קענט אויך."

**אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָזיק האט געזאגט,** "שטייענדיג איבער די פאראנגענע צוואנציג יאר נאכדעם וואס פריוואטקייט געזעצן פאר קינדער אויף די אינטערנעט זענען לעצטע מאל איבערגעארבעט געווארן, סיגנאלירט די אונטערשריפט פון די געזעצן אז ניו יארק נעמט די לייצעס אין די הענט מיטן לייגן די זיכערהייט און פריוואטקייט פון ניו יארקער אין פארנט. מיר טוהען אונטערנעמען אנטשיידענע שריט צו באשיצן אונזערע קינדער פון די שעדליכע איינפלוס פון אדיקטיווע אלגאריטעמס און אומבאגרעניצטע אינפארמאציע זאמלונג דורכן איינפירן דעם 'זיכער פאר קינדער געזעץ' און דעם 'ניו יארקע קינד אינפארמאציע באשיצונג געזעץ'. איך דאנק גאווערנער האקול, אטורני דזשענעראל דזשעימס, און סענאטאר גאונארדעס פאר זייער פעסטע מיטארבעטונג באמיאונגען כדי צו באשיצן די יוגנטליכע אין די דיגיטאלישע עפאכע."

**NYSUT פרעזידענט מעלינדע פערסאן האט געזאגט,** "באשיצן קינדער אויף די אינטערנעט שטייענדיג אין א גייסטישע געזונטהייט קריזיס איז בלויז שכל'דיג, און מיר זענען שטאלץ אז ניו יארק שטייט אין שפיץ פונעם וועג. די געזעצן וואס זענען געשטופט געווארן דורך אטורני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגליד ראָזיק, און וואס זענען אונטערגעשריבן געווארן דורך גאווערנער האקול, וועלן נעמען היסטארישע שריט צו אדרעסירן די מערסט געפארפולע געביטן פון סאָושעל מידיע. NYSUT מחנכים אריבער די סטעיט האבן געלאזט הערן זייערע שטימעס אין שטיצע פון די בילס, און מיר וועלן פארזעצן צו טוהן אלעס אין אונזערע הענט צו היטן אויף די גייסטישע געזונטהייט פון אונזערע שילער."

**United Federation of Teachers יוניאן פרעזידענט, מייקעל מאלגרו, האט געזאגט,** "ניו יארק שטייט אויף פאר אונזערע קינדער דורכן אפירנעמען די טעכנאלאגיע פירמעס און פארלאנגען פארשטערקערטע פריוואטקייט פאר אונזערע קינדער און אזוי אויך מער באשיצונג פון די אדיקטיווע און אויסנוצנדע פיטשעווקעס פון סאָושעל מידיע פלאטפארמעס. מיר אפלאדירן גאווערנער קעטי האקול, אטורני דזשענעראל טיש דזשעימס, סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוּארט-קאָזינס, אסעמבלי ספּיקער קארל היעסטי, סענאטאר ענדרו גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָזיק פארן באשיצן אונזערע קינדער."

**גרונדער און CEO פון Common Sense, דזשעימס פּ. סטייער, האט געזאגט,** "ווען די סטעיט'ס מערסט מאכטפולע פירער קומען זיך צוזאמען צו גיבן דין קדימה פאר די וואוילזיין פון קינדער און פאמיליעס פאר די פארדינסטן פון גרויסע טעכנאלאגישע פירמעס, קענען גוואלדיגע זאכן געשעהן. גאווערנער האקול, אטורני דזשענעראל דזשעימס, סענאטאר גוּנאַרדעס און אסעמבלי פרוי ראָזיק האבן זיך אלע פארדינט די הכרת הטוב פון ניו יארקער פארן קעמפן פאר די דורכברעכנדע בילס און זיי

איינפירן אין געזעץ. Common Sense קוקט ארויס צו נוצן די געווינס פאר קינדער'ס זיכערהייט און פריוואטקייט אויף די אינטערנעט אלס א מוסטער פאר דאס לאנד."

**'מאמעס קעגן מידיע אדיקשען' (Mothers Against Media Addiction, MAMA) גרונדערין און עקזעקיוטיוו דירעקטארין, דזשולי סעלפאָ, האט געזאגט,** "די נייע געזעצן צו היטן אויף די קינדער פון די עכטע שאדנס פון סאָושעל מידיע איז א גרויסע זיג פאר עלטערן און פאמיליעס אריבער ניו יארק. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול, אטוירני דזשענעראל דזשעימס און די ניו יארקע לעגיסלאטור פארן גיבן פריאריטעט פאר די געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע קינדער העכער פון אפאר טעכנאלאגיע פירמעס וועלכע פארדינען פון ציהלן קינדער מיט אדיקטיווע אלגאריטעמס און געפארפולע אינהאלט. מיר האפן אז אנדערע סטעיטס וועלן קוקן אויף ניו יארק ווי א מוסטער וויאזוי צו באשיצן קינדער אויף די אינטערנעט און זיי גיבן די קינדער יארן וואס קומען זיך זיי."

**Long Island Coalition Against Bullying (לאנג איילענד קאאליציע קעגן טשעפען) גרונדער און עקזעקיוטיוו דירעקטאר, דזשאָוסעף א. סאלאמאָן, האט געזאגט,** "די געזעצן זענען אן אויסערגעוועינטליכע זיג פאר עלטערן, לערער און יונגע מענטשן אריבער אונזער סטעיט, און עס שיקט א קלארע מעסעדזש אז די טעג פון טעכנאלאגיע פירמעס גיבנדיג העכערע פריאריטעט פאר פארדינסטן מער פון פאר די וואוילזיין פון קינדער זענען אריבער. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר אירע היסטארישע באמיאונגען אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען צו בויען א בעסערע צוקונפט פאר אונזערע קינדער."

**NAMI NYS עקזעקיוטיוו דירעקטארין, שעראן הארטאן, האט געזאגט,** "דורכאויס די סעסיע האט NAMI-NYS אונטערגעשטרייכט די נויט צו אדרעסירן די באדערפענישן פון ניו יארק'ס צוקונפט — אונזער יונגווארג. עס איז קריטיש וויכטיג אז ניו יארק זאל אדרעסירן די מערערע נעגאטיווע הינזיכטן וואס ביישטייערן צו דעם גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג. NAMI-NYS איז דאנקבאר אז גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט פירער האבן אונטערגענומען געוואלדיגע שריט צו פאראויס שטופן פילע קריטישע מאסנאמען וואס זענען נויטיג צו שטיצן אונזער יונגווארג און אנקומען צו זיי דארט וואו זיי זענען אין זייערע מסעות פון גייסטישע געזונטהייט. דאס רעכנט אריין דאס שטיין אין שפיץ פונעם לאנד ביים ארבעטן צו אדרעסירן די ראלע וואס סאָושעל מידיע שפילט אינעם שעדיגן די גייסטישע וואוילזיין פון יונגווארג. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול, אטוירני דזשענעראל דזשעימס און אונזערע לעגיסלאטיווע פירער פארן גיבן פריאריטעט פאר אונזער צוקונפט דורכן אדרעסירן די נעגאטיווע השפעות פון סאָושעל מידיע און דורכן באשיצן די פריוואטקייט פון אונזערע יונגע מענטשן. זייער פירערשאפט אויף די אנגעלעגנהייטן פלאסטערט אויס די וועג צו עררייכן NAMI-NYS'ס חזון פון א וועלט וואו אלע וואס זענען אפעקטירט דורך גייסטישע קראנקהייט לעבן געזונטע, סיפוק'דיגע לעבנס, געשטיצט דורך קאמיוניטיס וואס קימערן זיך."

**CEO פון Mental Health Association in New York State, גלען ליעבמאן, האט געזאגט,** "צווישן די פילע אנגעלעגנהייטן וואס ווירקן אויף די גייסטישע געזונטהייט פון יונגע מענטשן, איז אדיקטיווע סאָושעל מידיע אינהאלט געווארן א מער און מער ערנסטע פראבלעם. דורכן אונטערשרייבן די היסטארישע געזעצן, טוט גאווערנער האקול שטיין אין שפיץ פונעם וועג מיטן אדרעסירן די פראבלעם דורכן באגרעניצן אדיקטיווע אינהאלט און שאפן זיכערע פלעצער פאר יונגע מענטשן אויף די אינטערנעט. מיר זענען גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו באשיצן די גייסטישע געזונטהייט פון יונגע מענטשן אריבער ניו יארק סטעיט. מיר באדאנקען אויך אטוירני דזשענעראל דזשעימס, סטעיט סענאטאר גונאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין ראָזיק פאר זייער מידלאזע ארבעט און פירערשאפט אויף די קריטישע אנגעלעגנהייט."

**פאראויס שטופן די נאציאנאלע דיסקוסיע**

דורכן אונטערשרייבן די געזעצן, האט גאווערנער האקול אוועקגעשטעלט ניו יארק אלס די פירערין ווען עס קומט צו שאפן א זיכערערע דיגיטאלע סביבה פאר יונגע מענטשן. געזעצן וואס זענען באזירט אויף די פרינציפן פון דעם 'זיכער פאר קינדער געזעץ' ווערן גענומען אין באטראכט אין קאליפארניע, און שתדלנים האבן גערופן אויף אנדערע סטעיטס צו ארויפברענגען ענליכע פארשלאגן. אין צוגאב האבן שתדלנים און אנדערע פארמישטע קערפערשאפטן גערופן פאר מער שריט אויף די פעדעראלע שטאפל. צום ביישפיל, האט דער פאראייניגטע שטאטן סוירדזשען דזשענעראל, אלס טייל פון א רייע פון נייע געדאנקען אין א לעצטיגע [מיינונג ארטיקל](), געשטופט פאר פעדעראלע געזעצן וואס שפיגלען אפ געוויסע עלעמענטן אין דעם 'זיכער פאר קינדער געזעץ' און דעם 'ניו יארקע קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ'.

**באשיצן צענערלינגען פון אויסגענוצט ווערן אויף די אינטערנעט**
אין צוגאב צו די געזעצן וואס זענען היינט אונטערגעשריבן געווארן, האט גאווערנער האקול אויך אונטערגענומען אנדערע שריט צו באשיצן יונגע מענטשן אויף די אינטערנעט. אלס טייל פון גאווערנער האקול'ס דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פאראררדנט די אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז (Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV) צו אנטוויקלען טרענירונג און טעכנישע הילף פראגראמען וואס קאנצענטרירן זיך אויף ארויסגעצווינגענע סעקסועלע אקטן ('סעקסטאָרשען') און אזוי אויך אן עפנטליכע אינפארמאציע וועבזייטל און צו דורכפירן אן עפנטליכע אויפמערקזאמקייט קאמפיין אין די נושא. די טרענירונג און טעכנישע הילף פראגראמען וועלן ארויסהעלפן סיי דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן שטיצע ארגאניזאציעס און סיי געזעץ אינפארסירונג אגענטורן וואס זוכן צו שטיצן קורבנות און אויספארשן סעקסטאָרשען פארברעכנס. די עפנטליכע וועבזייטל וועט צושטעלן אויפקלערנדע מאטעריאלן פאר אויפציהער פון קינדער און פאר אנדערע. די עפנטליכע אויפמערקזאמקייט קאמפיין וועט נוצן סאָושעל מידיע פלאטפארמעס צו פובליצירן די ווארענונג צייכנעס פון 'סעקסטאָרשען', טעכנאלאגיע-ערמעגליכטע אביוז און 'דיפ-פעיקס'.

**אדרעסירן דעם גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג**
אלס טייל פון די גאווערנער'ס 1 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין גייסטישע געזונטהייט אריבער די סטעיט, האט גאווערנער האקול אויך באדייטנד אויסגעברייטערט צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט קעיר און הילפס-מיטלען פאר יונגע מענטשן און זייערע פאמיליעס. די קאנצעטראציע אויף יונגווארג שטיצע און סערוויסעס איז פארגעזעצט געווארן מיט נאך אינוועסטירונגען פארזיכערט דורך די גאווערנער אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025.

גאווערנער האקול האט געטון שריט אין איר אייגעפירטע געזעץ באדזשעט צו פארברייטערן מענטעל העלט שטיצע פאר קינדער איבערן לאנד און פארזיכערן אז מען הערט זיך איין צו זיי, נאכן דערציילן וועגן איר אגענדע פארן סטעיט אין א דעקלערונג אין יאנואר. די גאווערנער [האט אנאנסירט]() 20 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו אוועקשטעלן סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס, און זי האט געעפנט אן אפליקאציע וואס קען אויסגעפילט ווערן אין יעדע צייט וואס וועט דאס גרינגער מאכן פאר אינטערעסירטע סקולס צו אוועקשטעלן די קליניק אפטיילונגען — גרינגער פון די סטעיט קאנטראקט פראצעדור וואס פלעגט פארדעם גענוצט ווערן. דער דעקלערונג איז באזירט אויף די 5.1$ מיליאן וואס איז געשאנקען געווארן אין נאוועמבער צו שטיצן 137 נייע שולע-באזירטע קליניקעס, אריינעמיג 82 ביי די הויכע-נויטווענדיגע שולעס, און געברענגט דעם סך הכל קליניקעס צו איבער 1,200 איבערן לאנד.

די גאווערנער'ס דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכנט אויך אריין אן אינוועסטירונג פון מער פון 19 מיליאן דאלאר צו צושטעלן קריטישע קעיר פאר יונגע מענטשן אינדרויסן פון די סקול, אריינרעכענענדיג פארמערן הילפס-מיטלען פאר יונגווארג וואס באקומען באהאנדלונג אין זייער קאמיוניטי אדער, ווען נויטיג, אין קעיר אנשטאלטן וואו די קינדער וואוינען. צענטראלע איניציאטיוון ווי די 'אסערטיווע קאמיוניטי באהאנדלונג פאר יונגווארג' (Youth Assertive Community Treatment) מאנשאפטן – וועלכע שטעלן צו ארומנעמיגע סערוויסעס און שטיצע פאר יונגע מענטשן וואס זענען אין

סכנה פון דארפן ווערן האספיטאליזירט אדער אריינגעלייגט צו וואוינען אין א פסיכיאטרישע אנשטאלט – זענען אויסגעברייטערט געווארן מיט 9.6 מיליאן דאלאר צו פארזעצן זיי צו באדינען אינדערהיים און אין זייער קאמיוניטי, ווען אימער מעגליך. אין צוגאב, האט די גאווערנער פארזיכערט נאך 4 מיליאן דאלאר צו שטיצן א הלוואה פארגעבונג פראגראם ספעציפיש פאר לייסענסירטע גייסטישע געזונטהייט קלינישע פראפעסיאנאלן וואס באדינען קינדער און פאמיליעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן